א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת וישלח

## מאוצרות אמונים
פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### עזרת אבותנו אתה הוא מעולם

"וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל עֵשָׂו אָחִיו" (לב ג)

אין ספר **לקוטי שושנים'** (לקוט לח) ברענגט **רבי שמשון אויסטראפאלער** בשם א 'מדרש פליאה' אז די נעמען פון די מלאכים וואס יעקב האט געשיקט כדי זיי זאלן אים העלפן געראטעוועט ווערן פון זיין ברודער עשו זענען געווען: 'מיכא"ל', 'מלכיא"ל' און 'שנגדיא"ל'. די גימטריה פון זייערע נעמען איז 'עזרת', און יעדן טאג ביי שחרית ווען מ'זאגט "עזרת אבותנו אתה הוא מעולם" זאל מען עס אינזין האבן.

לייגט צו רבי שמשון און שרייבט:

רש"י זאגט אויף דעם: "מלאכים ממש" וואס דאס איז א רמז אויף די מלאכים, ווייל די ווארט 'ממ"ש' איז ראשי תיבות פון זייערע נעמען.

### יעקב האט נישט געדאוונט אויף א נס

"וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה" (לב ט)

"ער האט זיך צוגערייט אויף דריי זאכן: לדורון לתפלה ולמלחמה" (רש"י)

לכאורה דארפן מיר פארשטיין, מיר גלייבן דאך אין דעם גרויסן כח התפילה וואס קען העלפן אויך אין פאל וואס בדרך הטבע קען מען נישט געהאלפן ווערן, אויב אזוי פארוואס האט יעקב אויך צו געגרייט דורון און מלחמה און ער האט זיך נישט פארלאזט אויף תפילה אליין, ווייל אויב די תפילה וועט נישט העלפן, איז דאך זיכער אז די דורון און די מלחמה וועלן נישט העלפן?

נאר יעקב אבינו ע"ה האט נישט געוואלט דאווענען אויף א נס, און ווען ער האט געדאוונט האט ער נאר געבעהטן אז די דורון צי די מלחמה זאל אים העלפן, און זיין תפילה איז טאקע אנגענומען געווארן, ווען צוליב די דורון וואס יעקב האט געשיקט האט זיך עשו'ס הארץ איבערגעדרייט לטובה.

### דערמאנען די מעשים טובים ביים דאווענען

"קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים" (לב יא)

דער **החיד"א** אין זיין ספר '**דבש לפי**' (מערכת ז אות ב) ברענגט אין נאמען פון די גורי האר"י: ווען א מענטש געפינט זיך אין א צרה און ער דאוונט ער זאל געראטעוועט ווערן פון דעם, איז כדאי אז ער זאל דערמאנען אין זיין תפילה די מעשים טובים וואס ער האט געטוהן כדי אז דאס זאל אים צוניץ קומען.

אבער - שרייבט דער החיד"א - אויך ווען א מענטש דערמאנט זיינע מעשים טובים, זאל ער עס נישט ארויסזאגן קלאר, נאר ער זאל עס דערמאנען ברמז, ווייל אויב ער וועט עס קלאר ארויסזאגן קענען די מקטריגים נאכקוקן זיינע מעשים טובים און זיי וועלן שוין טרעפן אין זיי פעלער'ס, און ס'וועט נאך אויסקומען אז אנשטאט אז די מעשים זאלן אונז צוהעלפן וועלן זיי נאך ווערן חלילה א קטרוג.

אזוי אויך יעקב אבינו עליו השלום האט אין זיין תפילה דערמאנט די חסד וואס ער האט געטוהן כדי דאס זאל אים ביישטיין, און נאר בדרך רמז האט ער עס דערמאנט ווען ער האט געזאגט: "קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים" - מיין פארמעגן איז קליין געווארן צוליב די אלע חסדים וואס איך האב געטוהן מיט מיין געלט.

### נישט פארגעסן פון דעם אויבערשטנ'ס חסדים

"כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה" (לב יא)

אין **פירוש הטור הארוך** וואונדערט ער זיך אויף דעם לשון "הַיַּרְדֵּן הַזֶּה", יעקב איז דאך יעצט געשטאנען ווייט פונעם ירדן? נאר ענטפערט ער אין נאמען פון זיין ברודער רבי יהודה אז מ'דארף אזוי טייטשן דעם פסוק: "כי במקלי הזה עברתי את הירדן", ווייל דורך דעם שטעקן איז דער ירדן געשפאלטן געווארן.

א וואונדערליכן תירוץ אויפן פשוט'ן פשט האט געזאגט דער **'אמרי אמת'** פון גער:

ווייל יעקב אבינו ע"ה האט נישט מסיח דעת געווען איין מינוט פון די חסדים וואס דער אויבישטער האט געטוהן מיט אים, דעריבער כאטש ס'איז שוין אריבער אסאך צייט פון ווען ער איז אריבער דעם ירדן האט ער געלויבט מיט דעם לשון: 'הירדן הזה', ווייל אין זיין הארץ האט ער געשפירט ווי ער שטייט יעצט נעבן די בארטן פונעם ירדן און דער אויבישטער העלפט אים.

'אמרי אמת' תרצ"ג

### אין זכות פון ענטפערן אמן איז דער מענטש אפגעהיטן פונעם שטן

"הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי" (לב יב)

"נָא מִיַּד אָחִי" - איז ראשי תיבות 'אמן'. ווייל די זכות פון ענטפערן אמן העלפט צו פארן מענטש צו קענען שטיין אין א מלחמה אקעגן דעם שטן וואס באווייזט זיך ווי א 'אח' ד.מ. ווי א ברודער, און אזוי רעדט ער אים צו ער זאל זינדיגן, און דורך דעם ווערט מקויים דעם מאמר חז"ל (תיקו"ז מ א): "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה".

'דברי שמואל' (סלאנים); 'עולת שלמה'

אין דעם ענין קען מען טייטשן דעם פסוק (לב כו) "וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ": "לֹא יָכֹל" - איז בגימטריה 'אמן'; אויך דא איז מרומז אז אין זכות פון ענטפערן אמן ווערט מען ניצול פון דער מלאך פון עשו, וואס ער איז דער שטן וואס וויל איינרעדן דעם מענטש צו זינדיגן און אזוי אים קענען שעדיגן.

'בצל יהודה'

### די תפילה פון דעם ארימאן ווערט שנעלער אנגענומען

"כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה וְעַתָּה הָיִיתִי לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת" (שם)

אויף דעם פסוק ברענגט רש"י צוויי ווענגן: א. "לא היה עמי לא כסף ולא זהב ולא מקנה, אלא מקלי לבדו", ב. "ומדרש אגדה: נתן מקלו בירדן ונבקע הירדן".

מ'קען זאגן אז די צוויי טייטשן וואס רש"י האט געברענגט גייען צוזאמען, און אזוי האט יעקב געזאגט: ווייל איך בין געווען דעמאלטס געווען א ארימאן, נישט האבנדיג מיט מיר נאר מיין שטעקן אליין, צוליב דעם איז אנגענומען געווארן מיין תפילה און דער ירדן האט זיך געשפאלטן פאר מיר, ווייל די חכמים זאגן (זוהר בלק דף קצה א) אז א תפילה פון א ארימאן ווערט שנעלער אנגענומען ווי אלע תפילות. אבער יעצט אז מיין פארמעגן איז געוואקסן ביז עס איז געווארן "לשתי מחנות" - ווער ווייסט צי מיין תפילה וועט ווערן אנגענומען.

'פניני הא"ש'

### מכבד געווען זיין טאטע מיטן דאווענען מנחה

"וַיִּקַּח מִן הַבָּא בְיָדוֹ מִנְחָה לְעֵשָׂו אָחִיו" (לב יד)

בדרך דרש טייטש רבי יצחק ווייס פון ווערבוי: עשו האט זיך גרויס געהאלטן מיט די מצוה פון כיבוד אב וואס ער האט פארמאגט און ער האט געמיינט אז דורך דעם וועט ער קענען געווינען זיין ברודער יעקב, ווענן דעם האט יעקב גענומען "בְיָדוֹ מִנְחָה" - די תפילת מנחה וואס זיין פאטער האט פארפאסט, ווי ער זאגט מיט דעם: איך בין אויך מכבד מיין טאטן מיט דעם וואס איך דאוון מנחה וואס ער האט מתקן געווען.

'אלף כתב' ח"ב אות תקצא

### נישט גרינגשעצן אין דעם חיוב צו זאגן מאה ברכות

"וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ" (לב כו)

בדרך רמז שטייט אין ספר **'ויאסוף דוד'**:

ווען דער מלאך האט נאכגעקוקט די מעשים פון יעקב כדי ער זאל קענען אויף אים מקטרג זיין, האט ער נישט געטראפן אין אים קיין שום זינד, ביז ער האט געזעהן אז זיינע אייניקלעך וועלן גרינגשעצן אין די 'כף' - ד.מ. די תקנה פון צו זאגן די מאה-ברכות ('כף' איז גימטריה 100) וואס מ'דארף עס זאגן יעדן טאג. אזוי איז אים געלונגען צו מקטרג זיין אויף יעקב ביז צום ענדע איז טאקע געווען: "וַתֵּקַע כַּף יֶרֶךְ יַעֲקֹב".

### דריי תנאים וואס פעלן זיך אויס פאר א שליח ציבור

"כִּי שָׂרִיתָ עִם אֱלֹהִים וְעִם אֲנָשִׁים וַתּוּכָל" (לב כט)

אין שולחן ערוך (או"ח נג ד) זענען ארויסגערעכנט עטליכע תנאים וואס עס פעלן זיך אויס פאר א שליח ציבור, צווישן זיי: "אז ער זאל זיין... ריין פון עבירות... און אנגענומען ביים ציבור... און ער האט א שיינע און א זיסע שטימע". א שיינע רמז אויף די דריי תנאים האבן די דורשי רשומות ארויס געלערנט פון דעם לשון הפסוק:

"כִּי שָׂרִיתָ" - אויב ווילסטו זינגען פאר א ציבור; דארפסטו זיין "עִם אֱלֹקִים" - אן קיין זינד, "וְעִם אֲנָשִׁים" - און אויך אנגענומען פאר מענטשן, "וַתּוּכָל" - און דו זאלסט האבן די מעגליכקייט צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין, מיט א שיינע שטימע.

'שיח הפרשה'



## גדולה דעה הניתנת בתחילת הברכה

דער גאון **רבי יצחק הוטנער** זצ"ל (נלב"ע כ' כסליו תשמ"א) דער בעל 'פחד יצחק' פלעגט שטענדיג מעורר איבער דעם חוב וואס ליגט אויף יעדן אויסצוהערן גוט יעדע ברכה און ענטפערן אמן מיט כוונה. און אלץ א ראיה צו זיינע ווערטער האט ער ממליץ דעם מאמר חז"ל (ברכות לג א): "גדולה דעה שניתנה בתחילת ברכה" – גרויס און חשוב דער וואס גרייט צו זיין מחשבה און הערט צו פון אנהויב די ברכה ביז איר ענדע, כדי אז ער זאל קענען ענטפערן אמן מיט כוונה.

'כתר מלוכה' עמ' רעב

**'אמן' מיט כוונה – אויף יעדע ברכה**

# תענה אמונים
א בליק לויטן סדר פון דאווענען

## ויברך דוד (ב)- פארזעצונג

### דער תכלית הידיעה איז שלא נדע

אין עטליכע פסוקים אין תנ"ך ווענדן מיר זיך צו השי"ת מיטן טיטול "אתה הוא", וואס דאס איז צוזאמען געשטעלט פון א לשון נוכח - 'אתה', און א לשון נסתר 'הוא', ווייל אזוי פירט דער אויבערשטער אונזער וועלט; וואס אין אמת'ן איז זי באהאלטן פון אונז, אבער עס איז אנטפלעקט דורך אירע פעולות.

אין די פסוקים פון 'ויברך דוד' שטעלן מיר צוזאמען די צוויי אויבנדערמאנטע ידיעות: פון איין זייט לויבן מיר דעם אויבערשטן אויף זיינע פעולות וואס דערקענט זיך אויף דער וועלט, און פון די צווייטע זייט טוהן מיר איינערקענען אין דעם וואס מיר זענען ווייט פון צו פארשטיין די טיפקייט פון די הייליגע וועגן וואס זענען פארהוילן פון אונזערע אויגן.

און דאס זאגן מיר: "וְעַתָּה אֱלֹקֵינוּ מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ וּמְהַלְלִים לְשֵׁם תִּפְאַרְתֶּךָ", 'מודים אנו **לך**' - אויף די גרויסע מעשים וואס דורך דעם דערקענט זיך דעם אויבערשטנ'ס מציאות אויף דער וועלט, 'ומהללים **לשם תפארתך**' - אויף דעם שיינקייט פון דער בורא וואס מיר זעהן נישט מיט אונזערע אויגן און מיר האבן נישט אין דעם קיין השגה נאר דורך דעם וואס מיר דערמאנען די שמות הקדושים.

אזוי אויך ווייטער ווענדן מיר זיך צו הקדוש ברוך הוא און מיר זאגן: "**אַתָּה הוּא** ה' לְבַדֶּךָ" - 'הוא' ד.מ. ער איז באהאלטן אלץ זיין עצם מהות - אבער ער איז אנטפלעקט אלץ די וועגן וויאזוי ער פירט די וועלט וואס ווערן ארויסגעברענגט ביי "אַתָּה עָשִׂיתָ אֶת הַשָּׁמַיִם שְׁמֵי הַשָּׁמַיִם וְכָל צְבָאָם הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר עָלֶיהָ הַיַּמִּים וְכָל אֲשֶׁר בָּהֶם וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם" ('דובר שלום'; 'אחרית לשלום', הובאו ב'אוצר התפילות').

### בשביל ישראל שנקראו ראשית

נאך וואס מ'איז מאריך אין דעם אויבערשטנ'ס לויב אין דעם פסוק: "אַתָּה הוּא ה' לְבַדֶּךָ אַתָּה עָשִׂיתָ אֶת הַשָּׁמַיִם שְׁמֵי הַשָּׁמַיִם וְכָל צְבָאָם הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר עָלֶיהָ הַיַּמִּים וְכָל אֲשֶׁר בָּהֶם וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם וּצְבָא הַשָּׁמַיִם לְךָ מִשְׁתַּחֲוִים", זאגן מיר באלד: "אַתָּה הוּא ה' הָאֱלֹקִים אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בְּאַבְרָם".

די כוונה פון די ווערטער ערקלערן די חכמים זכרונם לברכה אין מדרש (ב"ר יב ט) אויפן פסוק: (בראשית ב ד): "אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם": "רבי יהושע בן קרחה האט געזאגט: 'בהבראם' איז אותיות 'באברהם'; אין דעם זכות פון אברהם. זאגט אויף דעם רבי עזריה: 'אתה הוא ה' לבדך אתה עשית... וכל אשר בהם', די גאנצע וועלט צוליב וועם? צוליב: 'אתה הוא ה' האלקים אשר בחרת באברם והוצאתו מאור כשדים ושמת שמו אברהם'".

א משל צו א גרויסע קעניג וואס זיין הערשאפט איז געווען אויסגעשפרייט אויף דער גאנצע וועלט און זיין קלוגשאפט איז געווען גרעניצלאז, און איינע פון די טעג ווען ער איז געגאנגען אין גאס, אנגעטוהן מיט די קעניג'ליכע קליידער, ווען ער איז ארום גערינגלט מיט אלע זיינע הארן און קענכט און טויזנטער סאלדאטן, האט ער זיך פלוצלינג אפגעשטעלט פון זיין גיין, און האט זיך אראפגעבויגן אויף די ערד און עפעס א אומבאקאנטע זאך האט ער אויפגעהויבן. אלע האבן געקוקט אויפן קעניג מיט א איינגעהאלטענעם אטעם, און אט זעהן זיי ווי ער רייניגט עס אפ פון די שטויב וואס האט זיך אנגעלעפקט אויף דעם און ער לייגט עס אריין אין זיין טאש.

ווען זיי האבן דאס צוגעזעהן האבן אלע פארשטאנען אז אויב דער קעניג וואס אלע אוצרות פון דער וועלט זענען זיינע האט זיך געפלאגט זיך אראפ בייגן און אויפהייבן א געוויסע זאך פון די ערד, איז קלאר אז דער זאך איז זייער טייער.

אזוי אויך אונז, נאך וואס מיר רעכנען אויס די גאנצע שיינקייט און די טיפע חכמה וואס ליגט באהאלטן אין די גאנצע באשעפעניש, זאגן מיר באלד נאכדעם: "אתה הוא... אשר בחרת באברהם", און אויב דער אויבישטער האט אויסגעוועלט נאר דעם אברהם, קענען מיר פארשטיין זיין גרויסקייט.

און אויף דעם זאגט דער נביא (ישעיה סו א-ב): "כֹּה אָמַר ה' הַשָּׁמַיִם כִּסְאִי וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי... וְאֶת כָּל אֵלֶּה יָדִי עָשָׂתָה... **וְאֶל זֶה אַבִּיט אֶל עָנִי וּנְכֵה רוּחַ וְחָרֵד עַל דְּבָרִי**" ('לב אליהו', שביבי לב ב' ס"ח).

### ואתה מחיה את כולם

דערנאך וואס דער פאכמאן האט 'געקלאפט מיטן האמער' וואס סימבאלעזירט דאס פארטיגן די כלי, ענדיגט זיך דעם שייכות און דער קשר צווישן זיי, צווישן די כלי מיט דער וואס האט עס געמאכט; אנדערשט איז דער גאנצע וועלט - די רוחניות'דיגע און די גשמיות'דיגע באשעפענישן דארפן צוקומען יעדע מינוט צו הילף פון דעם אויבערשטן כדי צו קענען עקזיסטירן.

אבער, אין די צייט וואס די 'צבא השמים' - די רוחניות'דיגע באשעפענישן איז גענוג א רוחנית'דיגן שפייז, מיט דעם וואס זיי זענען 'לך משתחווים', דארפן די גשמיות'דיגע באשעפענישן צוקומען צו א גשמיות'דיגן שפייז כדי צו קענען עקזיסטירן. ווען נישט דער אויבישטער איז במציאות 'מחיה את כולם', יעדע מינוט און מינוט, וואלטן די מענטשן אינגאנצן נישט געהאט קיין קיום ('זבחי תודה' לרצ"ה פרבר, נדפס בסוף ספר 'כרם הצבי').

ווי פאסיג איז אז דער מענטש זאל בשעת'ן עס זאגן אריינטראכטן אין די השגחה פרטית וואס מ'זעהט מיט די אויגן אויף יעדע מינוט אין דעם לעבן, און ער זאל לויבן אויף דעם מיט זיין גאנצע הארץ.

# מעשה אמונים
א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די תפילה וואס האט געבויגן די עיראקער

דאס האט פאסירט ארום א יאר נאך די מלחמה פון יאר תש"ח. די מלחמה ווינטן וואס האבן געהערשט אין ארץ ישראל אין די לעצטע יארן האבן זיך שוין בארוהיגט. דער אפמאך וואס איז גע'חתמ'עט געווארן מיט רוב פון די אראבישע לענדער וואס האבן מלחמה געהאלטן אויף די גרעניצן פון ארץ ישראל, האט צוגעברענגט פאר די אראבער זיך צו בארוהיגן און צוביסלעך איז דער שטילקייט צוריק אויף זיין פלאץ. אויך דאס לעבן פון די אידן אין לאנד האבן צוביסלעך אנגעהויבן צוריק גיין אויף זייער געוואוינהייט, ווען א שרעק פון א באלדיגע מלחמה איז נישט געווען.

אנדערש פון די אנדערע אראבישע לענדער, האט די איראקער רעגירונג באשלאסן נישט צו חתמ'ענען אויף דעם אפמאך. זי האט זיך נאך באטראכט ווי יעצט איז נאך א צושטאנד פון א מלחמה מיט די אידן אין ארץ ישראל, אבער ווייל זיי האבן נישט געקענט נקמה נעמען אין די איינוואוינער, האט זי באשלאסן זיך אויפפירן מיט אכזריות מיט די צעהנדליגע טויזנטער אידן וואס זענען געבליבן אונטער איר הערשאפט. פון דעמאלטס און ווייטער האט די אידן אנגעהויבן צו ליידן פון שטענדיגע רדיפות, זייער פארמעגן האט מען בארויבט אן קיין שטערונגען, און פון צייט צו צייט האבן זייערע שכנים אנגעפירט דארטן פאגראמען וואס עס האט געקאסט נישט ווייניג קרבנות.

די באהאלטענע גלוסטעניש וואס די איראקער אידן האבן געהאט צו ארץ ישראל האט זיך אין יענע צייטן זייער געשטארקט, אבער זיי האבן עס נישט געקענט אויספירן. די עיראקער רעגירונג האט באשלאסן צו פארמיידן מיט זייערע אלע כוחות די אידן פון ארויף גיין קיין ארץ ישראל, אויסער איינציגע הונדערטער אידן וואס ס'איז זיי יא געלונגען צו אנטלויפן דורך אומלעגאלע וועגן, איז די לאנד עיראק געווארן א גרויסער און א אכזרי'שער ארעסט-הויז פאר ארום הונדערט און צוואנציג טויזנט אידישע איינוואוינער.

אויך זענען אסאך אידן ארייגעשליידערט געווארן אין די ארעסט-הייזער מיט פאלטשע אויסריידן. די גורל פון די וואס האבן זיך געוואגט צו אנטלויפן די גרעניצן פון עיראק איז געווען זייער שווער און ביטער, זיי זענען באלד פארצייכנט געווארן אלץ פיינט פון די הערשאפט און זייער גורל איז פארשריבן געווארן אויף ליידן און פלאג.

וויבאלד דעמאלטס איז געווען עטליכע יאר נאך די שרעקליכע צווייטע וועלט'ס מלחמה, האבן די שמועות איבער דעם שווערן צושטאנד פון די אנגעווייטיגטע איראקער אידן צוגעטרויטן צו די הערצער פון די ערליכע אידן. די גרויסע צעטלעך וואס מ'האט אויפגעהאנגען אין די גאסן פון ירושלים האבן געמאלדן אויף עטליכע ריזיגע פארזאמלונגען צו דאווענען אויף די עיראקער אידן זיי זאלן קענען ארויף קומען קיין ארץ ישראל.

איינס פון די צענטראלער פארזאמלונגען איז דעמאלטס פארגעקומען אין ירושלים עיר הקודש. אנשים נשים וטף, יונג און אלט, זענען צוזאמען געקומען אויף א ריזיגע עצרת תפילה וואס איז פארגעקומען אין 'רחבת מאה שערים', נאנט צו די גרויסע שטיבלעך 'ישועות יעקב'.

האבנדיג תהלים'לעך אין זייערע הענט און ווען פון זייערע אויגן רינען טרערן ווי וואסער האבן די פארזאמלטע געדאוונט אויף די פרידן פון די איראקער אידן, "אולי יחוס עם עני ואביון, אולי ירחם".

אין זיין שטילע ווינקל אין די עק פונעם צעטראלן שטיבל איז געשטאנען דער אלטישקער צדיק רבי שמואל געפנער, ווי שטענדיג איז ער געווען נחבא אל הכלים, זיין הארץ איז צוריסן פון גרויס צער אויף זיינע אידישע ברודער וואס זענען ליידער בצרה ובשביה.

דער רבי שמואל האט געהאט א ווארעמער הארץ. ער האט אויך געהאט א קליין געשעפט'ל פון נאשערייען אין צענטער פון די שטאט, אסאך פון די ירושלים'ער איינוואוינער זענען זיכער געווען אז ער איז איינער פון ל"ו צדיקים נסתרים. נאך אין זיינע יונגע יארן איז ער געווען א דיין אין איינס פון די חשובע קהילות אין פוילן, אבער פון ווען ער האט זוכה געווען ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל האט ער באשלאסן צו באהאלטן זיין גרויסקייט ווי ווייט מעגליך.

כאטש ער האט פראבירט מיט אלע זיינע כוחות זיך צו באהאלטן, האבן אסאך פון די ירושלים'ער גרויסע אידן איינגעזעהן זיין גרויסקייט. רבי יוחנ'טשע פון ראחמיסטריווקא האט עדות געזאגט אז אויך ווען ער איז געזיצן אין געשעפט האט ער נישט אפגעלאזט די גמרא אויף איין מינוט אויך נישט. זיינע אויגן האבן זיך נישט אוועק געריקט פון איר אויסער די איינציגע סקונדעס ווען ער האט געדארפט באדינען זיינע קונדן, אויך דער 'בית ישראל' פון גער פלעגט אפט אריינגיין צו זיין געשעפט און שמועסן מיט אים אין תורה און חסידות א לאנגע צייט ('מעין הברכה' קובץ כט).

רבי שמואל איז געווען באקאנט מיט זיין ספעציעלן כח התפילה וואס ער איז געשאנקען געווארן מיט דעם. דעם כח האט ער באקומען פון זיין רבי דער צדיק רבי דוד משה פון טשארטקוב זי"ע וואס צו אים איז ער געווען מקורב נאך פון זיינע יונגע יארן. זיין משפחה האבן דערציילט אז ווען ער איז נאך געווען ניין יאר האט אים שוין רבי דוד משה געבעהטן אז ער זאל דאווענען פאר א פרוי וואס האט געדארפט א ישועה. אין זיין יוגנט האט אים זיין רבי אנגעוואונטשן אז ער זאל זוכה זיין צו יראת שמים, און צו דעם האט ער אים צוגעלייגט וואס די גמרא זאגט (ברכות ו ב): "כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעים", ווען ער לייגט אים צו א ברכה אז ער זאל שטענדיג זוכה זיין ערפילן זיינע רצונות מיט דעם כח התפילה ('מפי סופרים וסופרים' אבות פ"א הע' סג).

יעצט שטייט רבי שמואל ווען זיין הארץ איז פארקלעמט פון דעם ביטערן גורל פון יענע אידן וואס ער קען זיין נישט, ער האלט דעם תהלים אין זיין האנט און ער וויינט מיט הייסע טרערן אז זיי זאלן געהאלפן ווערן.

די פארזאמלונג האט זיך פארענדיג. דער עולם האט זיך צוביסלעך צושפרייט, אבער רבי שמואל איז געבליבן דאווענען. ער האט זיך נישט גערוואלט אוועק ריקן פון זיין פלאץ בעפאר ער וועט עפעס פילן אז זיין תפילה איז אנגענומען געווארן. ער האט נישט פארגעזעצט זיין געוועינליך לעבן בעפאר ער האט ביי זיך אין הארץ באשלאסן: צו ענדיגן טויזנט מאל תהלים אויף די הצלה פון די עיראקער אידן.

עס איז נישט געווען קיין גרינגע זאך. דער איד האט שוין פון פריער אויך געהאט א אנגעפולטן סדר היום אויסגעשטעלט צו לערנען פארשידענע זאכן וואס האבן אנגעפולט זיין טאג ביז צו קענען מיד ווערן, אבער נישט אזא איד וואו רבי שמואל וועט נאכלאזן. און אזוי, אין לויף פון די קומענדיגע חדשים האט ער אכטונג געגעבן צו זאגן יעדן טאג דריי מאל גאנץ תהלים; אינמיטן נאכט - נאכן זאגן 'תיקון חצות', בעפאר ער האט געדאוונט ותיקין, און פאר מנחה.

קיינער וואלט ווען נישט געוואוסט פון דעם, ווען נישט זיין זוהן דער באקאנטער צדיק רבי מענדל זצ"ל, איז אנגעקומען צו אים אין א שבת נאכמיטאג א יאר נאך יענע געשעהניש. ווי זיין געוואוינהייט איז זיין טאטע געווען אינגאנצן פארטיפט אין דעם תהלים'ל וואס ער האט געהאלטן פאר זיך ווען ער זאגט מיט געפיהל די לעצטע קאפיטלעך. רבי מענדל האט צוגעווארט אין זייט מיט געדולד, ער האט נישט פארשטאנען פארוואס היינט זעהט אויס זיין טאטע מער גערירט און אנגעצויגן וואו אייביג, ביי אים דאך ענדיגן גאנץ תהלים א געוועינליכע זאך.

אינצווישן האט רבי שמואל גענדיגט דעם לעצטן קאפיטל אין תהלים, און באלד האט ער פארמאכט דעם תהלים ווען פון זיין מויל קומט ארויס א פרייליכע קרעכץ, ווי ער וואלט יעצט גענדיגט גאר א שווערע אויפגאבע...

'טאטי, וואס איז היינט אנדערשט פון יעדן טאג? פארוואס ביזסטו היינט אזוי שטארק איבערגענומען?' - האט רבי מענדל ארויס געוויזן זיין וואונדער פאר זיין טאטע.

רבי שמואל האט זיך נישט געאיילט צו רעאגירן, עס האט אויסגעזעהן אז ער קווענקלט זיך צי ער זאל דערציילן צי נישט... אין ענדע זענען אים ארויס געקומען די ווערטער פון מויל: "איך האב געטראכט נישט צו דערציילן, אבער ווייל דו ביזסט פונקט יעצט געקומען, איז אפשר ווייל מען פון הימל אז דו זאלסט יא וויסן... דו געדענקסט דעם יום תפילה אויף די עיראקער אידן? די שרעקעדיגע נייעס וואס מ'האט פון דארט געהערט האבן מיך אויפגעציטערט, איך האב נישט געקענט אוועק גיין פון דארט אן איך זאל מיך אונטערנעמען צו זאגן טויזנט מאל גאנץ תהלים פאר זיי.

בחסדי שמים האב איך יעצט זוכה געווען צו ענדיגן מיין אונטערנעמונג, נאך בעפאר ס'איז דורך א יאר, יעצט בין איך זיכער אז זייער ישועה איז שוין נאנט..."

עס איז נישט געווען קיין וואונדער אז עטליכע טעג נאכדעם איז אנגעקומען די נייעס אז די אידן אין עיראק זענען געהאלפן געווארן. די גרויזאמע רעגירונג האט זיך געמוזט בייגן צו די פאדערונגען פון די מערב-לענדער, און זי האט שוין געלאזט פאר די אידן פארלאזן זייערע הייזער און פארמעגן און ארויף גיין קיין ארץ הקודש.

דער פסוק "ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברינה ושמחת עולם על ראשם", איז ערפילט געווארן ביי די איראקער אידן ווען אין דעם קומענדיגן יאר זענען מער פון הונדערט טויזנט אידן ארויף געקומען מיט די פליגער'ס וואס זענען געפארן אהין און צוריק, און אין איר ענדע זענען דארט געבליבן ווייניגער פון טויזנט אידן.

די פרייליכע נייעס איז געווען יעדנ'ס געשפרעך, אבער רבי שמואל איז שוין געווען איינגעזינקען אין זיין ווינקל אין עק פון דעם צענטעראלן שטיבל אין מאה שערים, ס'איז אים פריי געווארן טייערע צייט און ער האט זיך געאיילט עס אנפילן מיט נאך און נאך סדרים פון תורה און עבודת ה'.

'סיפורים ירושלמיים' ח"ד עמ' 113

עיצובים shay